גליון כח

פרשת במדבר תשפ"ג


# צום פינטל

## משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### די כח השליטה פון 'ציילן'

**• צוויי סיבות פון 'ציילן'**

אין פרשת במדבר ציילט מען די יידישע קינדער, רש"י הקדוש זאגט אז ס'איז דא צוויי סיבות פארוואס מ'האט געציילט, אין פרשת כי תשא האט מען געציילט אויף צו וויסען די חשבונות, צו וויסען ווי סאך זענען פארלוירן געגאנגען, און דא אין פרשת במדבר האט מען געציילט מחמת 'חיבה' פאר השראת השכינה, ווי א פאסטך וואס ציילט זיינע שעפלעך מתוך חיבה, מאכענדיג א קשר פרטי מיט יעדער איינער פון זיי.

אז מ'וועט אריינטראכטן וועט מען זעהן, אז די צוויי סיבות, זענען צוויי כללות'דיגע סיבות פון ציילן בכלל, צומאל ציילט א מענטש צו האלטן קאנטראל, צו האלטן חשבון, 'לידע מנין הנותרים', און צומאל ציילט מען מחמת חיבה. למשל ביים ציילן געלט, צומאל ציילט מען צו האלטן קאנטראל, צו וויסן ווי סאך געלט מ'האט, ווי סאך מ'האט מען שוין אויסגעגעבן, ווי סאך האט מען נאך אויף ווייטער, וכדומה לזה אלע סארטן חשבונות פון האלטן קאנטראל אויף די געלט. אדער קען מען ציילן די געלט מחמת 'חיבה', מ'ציילט די דאלארען, מ'ברענגט ארויס א קשר צו יעדעס דאלער עקסטער, א קשר צו אלע צוזאמען.

די מהות פון ציילן איז א כח השליטה, דורכען ציילן קען מען פינקטליך שולט זיין אויף די געציילטע, אז מ'ציילט געלט, קען מען פינקטליך שולט זיין אויף די געלט, מ'קען האלטן קאפ פינקטלעך ווי ס'קומט אריין און ווי ס'גייט ארויס. אז מ'ציילט מענטשן, לדוגמא אויף ארויס צוגיין אין מלחמה (לצבאתם), האלט מען פינקטלעך חשבון ווי סאך גייען ארויס אין מלחמה, און ווי סאך קומען אהיים, און אזוי ווייטער.

די כלל איז אז ווי שטערקער מ'וויל שולט זיין אויף די מצב, דארף מען אויך מער מדקדק זיין ביים ציילן, שטערקער ציילן און מער פינקטליכער, ווי מ'קען זעהן ביי גרעסערע מעמדות וואס דארף גלאנגען, אז מ'וועט ציילן מיט א גאר א שטארקע פינקטלעכקייט, מ'וועט ציילן ווי סאך פלעציר ס'איז דא, און ווי סאך מענטשן ס'איז ערוואַרטעט, אלעס מיט א שטארקע פינקטליכקייט (ראה במשנה בשבת 'מונה אדם את אורחיו ואת פרפרותיו').

ס'איז דא די באקאנטע סוגיות פון 'דבר שבמנין לא בטל', און דארט זעהט מען אויך די יסוד אז ווי שטערקער מ'ציילט, איז עס


**די מהות פון ציילן איז א כח השליטה, דורכען ציילן קען מען פינקטליך שולט זיין אויף די געציילטע, אז מ'ציילט געלט, קען מען פינקטליך שולט זיין אויף די געלט, מ'קען האלטן קאפ פינקטלעך ווי ס'קומט אריין און ווי ס'גייט ארויס. אז מ'ציילט מענטשן, לדוגמא אויף ארויס צוגיין אין מלחמה (לצבאתם), האלט מען פינקטלעך חשבון ווי סאך גייען ארויס אין מלחמה, און ווי סאך קומען אהיים, און אזוי ווייטער**


מער א 'דבר שבמנין', ס'ווערט אנגערופן (ביצה ג ע"ב, יורה דעה קי) 'כל שדרכו למנות' און 'את שדרכו למנות', 'כל שדרכו למנות' זענען זאכן וואס די 'דרך' איז אז מ'ציילט זיי, אבער נישט אלעמאל, און 'את שדרכו למנות' זענען זאכן וואס מ'ציילט זיי אלעמאל. ווייל ווי חשוב'ער די זאכן זענען, איז מען מער מדקדק און מ'איז מער שולט מיט'ן ציילן.

און אויך ווען מ'ציילט פאר חיבה, 'מתוך חיבתן מונה אותן', איז דאס בעומק א כח השליטה, ווייל נאר אויף א זאך וואס ער איז שולט, קען ער ארויסברענגען זיין 'חיבה' צו די זאך. אזוי ווי ביים ציילן געלט פאר 'חיבה' וואס דאס איז נאר שייך ביי די אייגענע געלט, ביי די געלט וואס ער איז שולט אויף, וואס דורכען ציילן 'קאנעקט' ער זיך שטערקער מיט זיין אייגענע געלט, ער ברענגט שטערקער ארויס זיין שליטה און זיין חיבה צו זיי. אזוי אויך ביי יעדער זאך וואס מ'ציילט פאר חיבה, איז דאס נאר שייך ביי די אייגענע זאך וואס מ'האט אויף דעם א שליטה.

**• בעסער נישט שולט צו זיין**

די גמרא זאגט אין חולין (ק"ה ע"ב) "כל מידי דציר וחתים ומני וכייל, לית להו רשותא למשקל מיניהו", א זאך וואס איז געציילט האבן די מזיקים נישט קיין שליטה דערויף. פרעגן די ראשונים (תוס') אז די גמרא אין מסכת תענית (ח ע"ב) זאגט אז 'אין הברכה שורה אלא בדבר הסמוי מן העין', אז די ברכה איז נאר דא אין א זאך וואס מ'האט נישט געציילט. איז דאך ממש א תרתי דסתרי, וואס איז בעסער, איז בעסער יא צו ציילן, ווייל א זאך וואס איז געציילט האבן די מזיקים נישט קיין רשות, אדער איז בעסער נישט צו ציילן, ווייל א זאך וואס איז געציילט איז די ברכה נישט שורה דארט.

איז תוס' ענטפערט אז ביידע איז אמת, ווען די געלט איז נישט געציילט קומט אריין מער די ברכה, ווייל די ציילן פארמאכט די געלט, ס'לאזט נישט אריין די ברכה, און ווען ס'איז נישט געציילט איז עס אפען, ס'קומט מער אריין די ברכה, אבער פון די אנדערע זייט קומען אויך די מזיקים אריין, ווייל אויב ס'איז אפען קומען זיי אויך אריין יונק זיין. פון די אנדערע זייט אויב דער בעל הבית ציילט זיין געלט, ער איז שולט אויף געלט, דעמאלטס פארמאכט ער מיט דעם זיין געלט, ער היט זיי אפ אונטער זיין רשות, ממילא האבן די מזיקים נישט קיין שליטה אויף די געלט, אבער אויב די געלט איז פארמאכט, איז אויך שווער אז די שפע זאל אריינקומען.

דאס הייסט אז דאס וואס חז"ל זאגן אז 'אין הברכה שורה אלא בדבר הסמוי מן העין', מיינט צו זאגען אז די געלט איז נישט פארמאכט אונטער די 'קאנטראל' פון דעם בעל הבית, ס'איז 'סמוי מן העין', דער מענטש האט נאך נישט ארויפגעלייגט זיין קאנטראל אויף דעם, ס'איז נאך אפען צו די שפע פון הימל, ס'איז נישט אונטער מענטשליכע אויגן, אבער דאס האט אויך א שטארקע

המשך בעמוד הבא

חסרון, ווייל אויב ס'איז אפען, ס'איז נישט אונטער קאנטראל פון דער מענטש, מיינט דאס אז די מזיקים און שדים קענען אויך צוקומען צו דעם, ס'האט נישט די שמירה וואס די בעל הבית לייגט ארויף אויף דעם.

## צײלן די ײדען

די מדרש זאגט אז פרשת במדבר איז איינער פון די צען פלעציר וואס דער אייבישטער האט געציילט די יידישע קינדער, דאס הייסט אז די יידישע קינדער האבן די זכיה אז דער אייבישטער ציילט זיי כסדר, ער ברענגט ארויס זיין כח השליטה אויף זיי כביכול דורעך ציילן. יידישע קינדער זענען נישט הפקר, דער אייבישטער איז זייער בעל הבית כביכול, דער אייבישטער ציילט זיי און ווייזט אז ער איז זייער בעל הבית, און אזוי קענען די מזיקים נישט האבן קיין שליטה אויף זיי.

אויך ציילט דער אייבישטער די יידישע קינדער פאר חיבה, ווי א בעל הבית וואס ציילט זיינע באליבטע זאכן, וואס דורכען ציילן ברענגט ער ארויס זיין שליטה און חיבה צו זיי, ציילענדיג יעדעס איינס פינקטלעך, ווייזענדיג בפרטות אז אויך אויף די זאך וויל איך ארויס ברענגען מיין פרטיות'דיגע שליטה. אזוי אויך די יידישע קינדער זענען שישים רבוא נשמת ישראל, יעדעס איינס איז געציילט ביים אייבירשטן, אויף יעדעס איינס עקסטער ברענגט דער אייבישטער ארויס זיין שליטה, מיט א מורא'דיגע פרטיות'דיגע השגחה פרטית.

ס'איז באקאנט די סוגיא וועגן ציילן מענטשן, אז ס'קען ח"ו ברענגען א מגיפה ל"ע, ווי די פסוק זאגט אין פרשת כי תשא 'ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם', און דאס איז אפילו אויף א אופן וואס דער אייבישטער הייסט ציילן, און וועגן דעם דארף מען ציילן מיט א 'בקע לגלגלת' אזוי ווי רש"י הקדוש טייטשט 'לגלגולתם'. אבער פון די אנדערע זייט זעהט מען אין אונזער פרשה אז ציילן איז א 'חיבה', 'מחמת חיבתן מונה אותן כל שעה'. דארף מען פארשטיין ווי אזוי גייט דיביידע זאכן צוזאמען, וואס איז ציילן א גוטע זאך אדער א שלעכטע זאך.

באמת דער אברבנאל (כי תשא) האלט אז ווען דער אייבישטער הייסט ציילן, קען נישט זיין ס'זאל ארויס קומען פון דעם שלעכטס (און אין פרשת כי תשא וואס די פסוק זאגט 'ולא יהיה בהם נגף', דאס איז נאר ווייל דער אייבישטער האט נישט געהייסן, ס'איז געווען 'כי תשא', אויב די משה רבינו וועסט ציילן, וכן היא דעת הרלב"ג כמו האברבנאל). אבער די חז"ל זאגען יא, אז אפילו דער אייבישטער הייסט ציילן, דאך איז נאך אלץ שייך אז ס'זאל געשען א מגיפה ל"ע, און וועגן דעם גייט מען להלכה אז מ'מעג נאר ציילן דורעך עפעס אנדערשט, דורעך א 'בקע' וכדומה.

לויט ווי געשמוסט פארשטייט מען אז ציילן זאל האבן אין זיך ביידע חלקים, ווייל ווי מ'האט געשמועסט האט ציילן צוויי פארקערטע כוחות, ס'האט די כח השליטה פונעם ציילער וואס היט אפ די זאך, אבער פון די אנדערע זייט דייקא דורעך די שטארקע כח השליטה, ווערט די זאך פארמאכט, ס'איז נישט אפען צו מקבל זיין שפע און ברכה.

איז קען מען אויך פארשטיין אז אפילו דער אייבישטער הייסט ציילן, פונדעסטוועגען די עצם טבע פון 'ציילן' האט אין זיך א פארמאכטקייט, א טבע פון שליטה, א טבע פון דינים וגבורות, א טבע פון דקדוק ודין, און פון דעם קען ארויסקומען א אחיזה ח"ו פון מגיפות, און וועגן דעם איז אפילו דער אייבישטער הייסט ציילן, דארף מען נאך אלץ ציילן דורעך עפעס אנדערשט, א בקע לגלגות וכדומה, אזוי ווי די חז"ל זאגען. און נישט נאר דאס, נאר אפילו די ציילן איז אלץ חיבה, 'מחמת חיבתן מונה אותן', נאך אלץ קען די ציילן ברענגען שלעכטס ח"ו, מחמת די טבע וואס איז דא אין ציילן.

## השראת השכינה

רש"י הקדוש זאגט 'כשבא להשרות שכינתו מנאן', ציילן ברענגט השראת השכינה, ווייל ווי א גרעסערע 'ריבוי עם' איז מער כבוד השכינה, ענדליך צו וואס מ'טרעפט אז 'אין השכינה שורה בפחות מכ"ב אלף' (כלי יקר). און אזוי ווי מ'זעהט ביי א מלך בשר ודם אז ווי גרעסער זיין מלוכה איז, אלץ גרעסער איז די כבוד זיינער, אזוי אויך כביכול למעלה, ווי גרעסער די יידישע פאלק איז, איז די כבוד פונעם אייבירשטן גרעסער, וואס דאס מיינט אז ס'איז דא מער 'השראת השכינה'.

בשעת מ'ציילט האלט מען און איין ארויפגיין העכער און העכער, ס'ווערט שטארק נתעורר די התפעלות פונעם מענטש, און דאס איז שטארק מעורר די התפעלות פון כבוד. אזוי אויך כביכול למעלה ווי מער מ'גייט ארויף און ארויף, איז עס מער א כבוד למעלה. ענדליך ווי די משנה זאגט אין מסכת ברכות ביי די דרגות פון בענטשן מזומן, דריי, צען, הונדערט, טויזענט, הונדערט טויזענט, ששים רבוא, יעדער דרגא ודרגא וואס מ'גייט ארויף מיט א ריבוי עם, איז די כבוד שטערקער.

ס'איז מבואר אין מדרשי חז"ל (מדרש רבה במדבר - פרשה ד פסקה א) די גרויסע שעשועים וואס דער אייבישטער האט ביים ציילן, בפרט מיט דעם וואס די יידען זענען 'מיוחסים', ווי די פסוק זאגט 'ויתילדו על משפחותם', מ'זאל ציילן די מיוחסים וואס די משפחה איז ריין. דער אייבישטער האט שעשועים אז ער קען ריען אין די מחנה פון די יידישע קינדער, אלעס איז ריין, און זיי זענען ראוי ארויסצוגיין אין מיליטער פאר די כבוד השכינה כביכול.

ציילן הייבט אויף די פרטים צו כללים, ווילאנג מ'ציילט נישט איז אלעס איין גרויסע בלבול, ס'איז נישט דא קיין פרטים און ס'איז נישט דא קיין כללים, ווען מ'ציילט צטיילט מען יעדעס פרט, יעדעס פרט ווערט א מציאות חשוב פאר זיך, און דערנאך נעמט מען זיי אלע צוזאמען אין כללים.

און די זעלבע א מלך, ווילאנג ס'איז נישט ניכר אויף ווי סאך מענטשן ער קעניגט, זענען אלע מענטשן ווי איין גרויסע מציאות, ס'איז נישט קיין פרטים און ס'איז נישט דא קיין כללים, ס'איז איין גרויסע בלבול. אבער אז מ'ציילט פאנגט מען אהן צוזעהן וואס מ'האט, מ'זעהט עקסטער יעדעס פרט, און דערנאך נעמט אלעס צוזאמען צו אחדות דורעך כללים, און דורעך דעם קומט ארויס די כבוד פונעם מלך בשלמות, ווי ער איז מושל און האלט קאנטראל אויף יעדן יחיד ויחיד, און דערנאך ווי ער איז מושל אויף אלע צוזאמען.

## ספירת העומר

אונז שטייען יעצט אין די הלייגע טעג פון ספירה, דורכען ציילן די טעג, ברענגען די יידישע קינדער ארויס אז זיי זענען 'שולט' אויף די טעג, זיי ציילן די טעג צו האלטן 'קאונטראל', זיי געבן אכטונג אז ס'זאל חס ושלום נישט פארלוירן גיין קיין טאג, ס'זאל זיין א פינקטליכע חשבון פון פופציג טעג פון פסח ביז שבועות. אויך ציילן זיי ארויס צו ברענגען זייער חיבה צו די טעג, ווי א בעל הבית וואס ציילט זיינע באליבטע זאכן און ברענגט ארויס זיין שליטה צו יעדעס איינס מיט א געוואלדיגע חיבה 'מתוך חיבתן מונה אותן'.

ספירה איז דא די סוגיא פון 'ולא נהגו כבוד זה לזה'. ווען מ'איז נוהג כבוד איינער פארן צווייטן, ווייזט עס אז יעדער איז געציילט, יעדער איז א מציאות פרטי וחשוב פאר זיך, און נאר נאך דעם וואס יעדער איז א געציילט בפרטיות פאר זיך, יעדער האט זיין חשיבות פרטי, נאר נאכדעם קומט מען זיך אלע צוזאמען צו איין גרויסן כלל, צו איין אחדות כללי. וואס דאס איז ממש די ענין פון ספירת העומר, אז יעדער טאג זאל זיין א מציאות פרטי פאר זיך, און דערנאך קומען זיך צוזאמען אלע טעג אינאיינעם. קודם דארף זיין 'ונהגו כבוד זה לזה', און נאר נאכדעם קען מען האבן א אחדות כללי פאר אלע צוזאמען, צו זיין צוזאמען דעם אייבירשטן'ס פאלק מיט א אחדות וואס ברענגט 'השראת השכינה'.

המשך בעמוד האחרון

## ספירה, פקידה, און מנין

ציילן קומט אויס גאר אסאך אין אונזער טאג טעגליכן לעבן, בגשמיות וברחניות, מ'ציילט געלט, חפצים, צייט, מענטשן (לויט די הלכה). אויך להבדיל ביי רוחניות איז א גאנצע צייט דא די מושג פון ציילן, כך וכך ברכות פאר ברכות השחר, פאר ברכות קרי"ש, פאר שמו"ע, כך וכך מאל זאגט מען קדיש, וכדומה. אויך ביים לערנען סוגיות מאכט מען כסדר צוזאמציילאנגען, כך וכך שיטות איז דא אין די סוגיא, כך וכך טעמים איז דא צו די דין, און אזוי ווייטער.

ציילן האט אין זיך צוויי חלקים, ס'איז דא די מעשה פון ציילן, מ'ציילט איינס צוויי דריי וכו', די עצם פעולה פון ציילן, וואס דאס ווערט אנגערופן אין לשון קודש 'ספירה', און אין יידיש הייסט עס 'ציילן'. נאכדעם איז דא אלע פרטים וואס זענען געציילט געווארן, ווי זיי נעמען זיך צוזאמען צו איין מציאות, זיי קומען זיך צוזאם צום 'כלל המספר', וואס מ'רופט אין לשון קודש 'סכום' אדער 'סיכום', מלשון 'סוכה', די 'טאוטעל' וואס נעמט צוזאם אלע פרטי המספר אינאיינעם, זי דעקט כאילו צו אויף אלעמען צוזאמען.

די מלבים (שמואל א) זאגט אז ס'איז דא דריי לשונות ביים ציילן, - ספירה פקידה און מנין - זאגט ער אז 'ספירה' מיינט די עצם פעולה פון ציילן, 'פקידה' איז מער די סך הכל, און 'מנין' די גאנצע געבוי צוזאמען, די סך הכל מיט אלע אירע פרטים ווי אלע שטייען פאר מיר, ווי אלע פילען אהן צוזאמען די חסרון וואס איז געווען פארדעם (עי"ש, כן נראה בכוונתו).

ביי א קיבוץ פון א געבוי פון מענטשן, איז דא א 'פקיד' און א 'ממונה', ווייל א געבוי פון מענטשן איז אויך בעומק א געציילאכץ, יעדער האט זיך זיין פלאץ אין די מנין מענטשן, אלע פרטים טרעפן זיך זייער פלאץ אינעם ציבור'ישען געבוי. און די לשון 'פקיד' און 'ממונה' איז די זעלבע שורש ווי 'פקידה' און 'מנין', וואס זענען לשונות פון ציילן, ווייל ציילן מיינט מ'בויט א געבוי פון די אלע חלקים וואס זענען געציילט געווארן, און דאס איז ענדליך צו דאס געבוי פון א 'גוף ציבורי'.

## ציילן מאכט א חלות

פאר מ'ציילט זענען אלע חלקים כאילו איין גרויסע מציאות, דורכען ציילן ווערן זיי אפגעטיילט אויף קליינע חלקים, און דערנאך ביים סך הכל קומען זיי זיך צוריק צוזאמען. למשל מ'ציילט א הויפן פון געלט, פארן ציילן זענען אלע געלט כאילו איינס, זיי זענען אלע איין גרויסע בלבול, קיין איין דאלער האט נישט זיין פלאץ, איין דאלער פארדעקט כאילו אויפן צווייטן. און דורכען ציילן ווערן זיי אפגעטיילט, אז מ'ציילט אויף דאלארן ווערן זיי צוטיילט אויף קליינע חלקים, און אויב מ'ציילט אויף 'צענערס' למשל, ווערן זיי צוטיילט אויף גרעסערע חלקים, און אזוי ווייטער.

נאכן ציילן קומט מען אהן צום 'סך הכל', וואס דאס מאכט אלעס צוריק 'איינס', אבער שוין נישט די זעלבע איינס ווי פריער, פארן ציילן זענען זיי געווען איינס אויף א אופן פון א בלבול, איין חלק האט פארדעקט אויפן צווייטן, אבער יעצט נאכן ציילן האט זיך יעדער חלק זיין פלאץ, דער חלק איז נאמבער איינס, ער שטייט פון אנפאנג פון די זאך, און דער חלק איז נאמבער פופציג, ער שטייט אינדערמיט פון די זאך, און אזוי ווייטער אלע נאמבערס, יעדער באקומט זיין פרטיות'דיגע פלאץ אינעם כלל.

פשוט קוקט אויס אז די גאנצע 'ציילן' איז סתם א פראקטישע זאך צו האלטן קאנטראול אויף זאכן, מ'ציילט און מ'ציילט אלע סארטן ענינים אויף אלע סארטן אופנים, אבער לויט ווי געשמועסט איז 'ציילן' אסאך טיפער פון דעם, ציילן נעמט צוזאם אסאך חלקים צו איינס, ציילן שטעלט אוועק יעדער חלק אויף זיין ריכטיגע פלאץ, ציילן מאכט אז אלע חלקים זאלן ארבעטן צוזאמען פאר איין תכלית, אז פון אלע חלקים צוזאמען זאל ארויסקומען א נייע זאך אינגאנצן.

**פשוט קוקט אויס אז די גאנצע 'ציילן' איז סתם א פראקטישע זאך צו האלטן קאנטראול אויף זאכן, מ'ציילט און מ'ציילט אלע סארטן ענינים אויף אלע סארטן אופנים, אבער לויט ווי געשמועסט איז 'ציילן' אסאך טיפער פון דעם, ציילן נעמט צוזאם אסאך חלקים צו איינס, ציילן שטעלט אוועק יעדער חלק אויף זיין ריכטיגע פלאץ, ציילן מאכט אז אלע חלקים זאלן ארבעטן צוזאמען פאר איין תכלית, אז פון אלע חלקים צוזאמען זאל ארויסקומען א נייע זאך אינגאנצן**

אזוי ווי ווען א מענטש בויט עפעס, לאמיר זאגען ער בויט א טיש, נעמט ער א גרויסע שטיק האלץ וואס איז איינס, און ער צוטיילט איר פאר אסאך חלקים, ער פאורעמט אויס די אויבערשטע חלק פונעם טיש, די פיסלעך, און אזוי ווייטער, דערנאך ברענגט ער זיי אלע צוזאמען און מאכט פון זיי איינס, אלע צוזאמען זענען געווארן עפעס א נייע מציאות וואס הייסט 'טיש'.

די זעלבע זאך איז ווען מ'ציילט, מ'נעמט א זאך וואס איז אויפגעווארפן, און מ'שטעלט יעדער אויף זיין פלאץ דורכען ציילן, נאמבער איינס איז דא, נאמבער צוויי איז דא, און דורעך דעם קומט ארויס פון אלעס צוזאמען א נייע מציאות, אלע חלקים פארלירן אביסל פון זייער פרטיות'דיגקייט און ווערן נכלל אין די סכום הכללי, וואס איז זיי כולל אלע צוזאמען צו א נייע מציאות.

און דאס איז אויך א 'מנין' מענטשן, א 'גוף ציבורי', פארן ציילן זענען זיי אלע איין גרויסע בלבול, איין גרויסע מציאות (קיינער איז נישט גארנישט), דורכען ציילן טיילט מען זיי אלע אפ,

המשך בעמוד הבא

מ׳שטעלט יעדעם אויף זיין פלאץ, די ביסט נאמבער איינס אינעם ציבור, די ביסט נאמבער פופציג, די ביסט נישט פופציג, און די ביסט נישט איינס, און אזוי ווייטער, יעדער באקומט זיין פרטיות׳דיגע פלאץ אינעם גוף הציבורי, און דורעך דעם פארמירן זיי זיך צוזאמען פאר א גוף ציבורי, א ׳סך הכל׳ פונעם כלל מיט אלע אירע חלקים.

ביי ספירת העומר דארף מען אויךביידע חלקים, קודם דארף מען ציילן יעדן טאג באזונדער, וואס דאס טייטשט ׳ספירה׳, און נאכדעם דארף מען זיי צוזאמנעמען צו איין תכלית, צו א סך הכל, ווי די פסוק זאגט ׳תמימות תהינה׳, און צוזאמען ווערן זיי א נייע מהות או נייע חלות פון פופציג טעג.

ס׳איז באקאנט די מחלוקת הפוסקים צו ס׳מוז זיין תמימות, אלע טעג צוזאמען, יש אומרים אז די מצות ׳ספירה׳ איז מען שוין מקיים אפילו מיטן ציילן איין טאג, די תכלית איז טאקע זיי צוזאמצוברענגען אלע אינאיינעם צום כלל המספר, עס צוזאמברענגען צו ׳תמימות׳, אבער אויך מיט די פשוט׳ע ציילן פון יעדן טאג, דאס אלייס איז שוין די מצוה, אפילו איך ברענג זיי נישט צוזאמען צו די גדר פון ׳תמימות׳.

## ולא יהיה בהם נגף

די הלכה איז אז מ׳טאר נישט סתם אזוי ציילן מענטשן, ס׳איז א סכנה, מ׳מוז ציילן מיט עפעס אנדערשט, ווי למשל מיט א ׳מחצית השקל׳, און אפילו דעמאלטס איז נאר מותר ווען ס׳איז לצורך, ווי ס׳איז מבואר די כללי הלכה אין די פוסקים.

די פוסקים (עי׳ שבט הלוי ועוד הרבה) האבן א ספק וואס איז די טעם האיסור, מ׳קען לערנען אז די איסור איז די מעשה הספירה, די פעולה פון ציילן, וואס די פעולה איז א פעולה פון ׳פירוד׳, ווי ס׳איז געווארן נתבאר אז די פעולה פון ציילן איז מפריד אויף חלקים חלקים, און דאס איז די טעם אז מ׳טאר נישט ציילן ווייל ׳פירוד׳ ברענגט ׳דינים׳. אדער קען מען לערנען די טעם האיסור וועגען די סך הכל, אז ס׳איז נישט גוט אז מ׳ווייסט די סך הכל פון מענטשן, ס׳קען מאכן אין זיי א ׳עין הרע׳ וכדומה, ענדליך צו וואס די חז״ל זאגען אז ׳אין הברכה שורה אלא בדבר הסמוי מן העין׳.

איז בפשטות לערנט מען מער אז די איסור איז די פעולה פון ציילן, נישט די ידיעה פון די סך הכל, און וועגן דעם העלפט אז מ׳ציילט מיט עפעס אנדערשט, אז מ׳צייט מיט א ׳מחצית השקל׳, ווייל אפילו למעשה ווייס איך די סך הכל פון די מענטשן, אבער די פעולה פון ציילן איז נישט דא, ווייל די פעולה האב איך נישט געטוהן אין די מענטשן זעלבסט, די פעולה האב איך געטוהן אין די מחצית השקל, די פירוד און די דינים איז אריינגעגאנגען אין די מחצית השקל, נאר בדרך אגב בין איך שוין געוואר געווארן אויך די סך הכל פון די מענטשן.

בפרט אז לויט ווי געשמועס איז די עיקר פירוד און דינים בשעת די פעולה פון ציילן, ווייל פארדעם איז עס געווען כאילו איינס, נאכדעם בשעת׳ן ציילן ווערן זיי צוטיילט אויף שטיקלעך, וואס דאן איז דער עיקר פירוד און דינים, און נאכדעם ביים ׳סך הכל׳, דארט איז שוין אלעס צוריק מאוחד צוזאמען. ממילא איז דער עיקר איסור נאר די פעולה פון ציילן, וואס דארט איז די נקודה פון מפריד זיין, נישט ביים ׳סך הכל׳.

## ציילן איז ווי א מעסטער

ציילן איז ווי א מעסטער, ציילן העלפט מעסטן די חלקים איינער אנטקעגען צווייטן, ציילן געט פאר יעדעם זיין פלאץ אינעם כלל, ציילן לייגט אריין אלע פרטים אונטער איין ׳סך הכל׳, אונטער איין קאטעגאריע, און ממילא קען מען זיי מעסטן, נאמבער ׳איינס׳ איז נידריגער ווי נאמבער ׳צוויי׳, נאמבער ׳צוויי׳ איז נידריגער ווי נאמבער ׳דריי׳, און אזוי ווייטער. ציילן איז א מעסטער, די רגע וואס זיי זענען אלע אונטער איין קאטעגאריע, קען מען זיי מעסטן איינער אנטקעגען צווייטן אויף אלע וועגען, אלע פרטים וואס באלאנגען צו איין כלל, אלע נאמבערס וואס באלאנגען צו איין ׳סך הכל׳, קען מען מעסטן איינער קעגען צווייטן.

און דאס איז די מצוה אין פרשת במדבר צו ציילן די יידען און מאכן ׳דגלים׳, די ציילן איז נישט געווען פלען א פעולה פון ציילן, די ציילן האט געמאכט א חלות ממש, די ציילן האט צוזאמגענומען די יידען אין קאטעגאריעס, קאטעגאריעס פון שבטים, און קאטעגאריעס פון דגלים, אלע וואס זענען געציילט געווארן זענען געווארן אויסגעשטעלט מיט א מורא׳דיגע סדר, ווער ס׳איז ערשט, און ווער ס׳איז צווייט, יעדער האט באקומען זיין מקום אינעם כלל.

די תכלית פונעם ׳כלל׳ איז כולל צו זיין אלעמען צוזאמען, און אז יעדער זאל זיך קענען טרעפן זיין יחידיות אינעם כלל, יעדער זאל זיך קענען טרעפן זיין מקום אינעם כלל, זיין קאליר ביי די דגלים, וואס דאס קומט דוקא ארויס פון די ביידע זאכן צוזאמען, פון איין זייט זאל יעדער זיין א פרט פאר זיך, א נאמבער פאר זיך, און פון די אנדערע זייט זאל זיין א ׳סך הכל׳, א ׳כלל׳ וואס ברענגט אלעמען צוזאמען, וואס אזוי קומט ארויס די שיינקייט פון מעסטן איינער קעגען צווייטן, וואס דאס איז די שיינקייט פון די דגלים אז יעדער איז אנדערשט און מ׳איז אלע צוזאמען.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ״ך 2 - שיעורים על רוב תנ״ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 3424-763-52-972+